

## אן אינטערוויו

פון: אברהם פריעדמאן

# טאמאס דינאפאלי

## ניו יארק סטעיט קאנטראלער

## NYS Comptroller Tom DiNapoli

טאמאס דינאפאלי איז היינט דער קאנטראלער פון ניו יארק סטעיט. ער לויפט אין די נאוועמבער וואלן פאר דעם אמט, און כאטש א סאך רעפובליקאנער טראכטן אז די אויפרעגונג פון פאלק קעגן די נאציאנאלע דעמאקראטישע פאליטישאנס וועט זיי געבן אויסזיכטן צו געווינען אויך עטוואס פון די סטעיט אמטן אין ניו יארק, כאטש ניו יארק ווערט באטראכט ווי א דעמאקראטישע סטעיט, זאגן אבער אנדערע אז דאס איז פאלשע האפענונגען. די דעמאקראטן אין ניו יארק זענען שטארק אפטימיסטיש אז די אויסערגעוועונליכע פאפולאריטעט פון זייער גאווערנאר קאנדידאט ענדרו קואמא, וועלכער איז איצט דער אטוירני דזשענעראל, וועט ברענגען נישט בלויז צו א ריזיגן וואל זיג, נאר קואמא וועט אויך מיטשלעפן די אנדערע דעמאקראטישע קאנדידאטן וואס לויפן אין די זעלבע וואלן, אפילו די וואס זענען נישט אזוי גוט באקאנט אדער שטארק פאפולער.

עס וועט אויך גוט שטיין פאר די דעמאקראטישע קאנדידאטן אז סענאטאר טשארלס שומער לויפט איצט פאר ווידערערוויילונג. שומער איז פון די פאפולערסטע ניו יארקער פאליטישאנס, אן אומערמידליכער און אומאויפהערליכער קאמפיינער, און ער האט געווינען זיינע פריערדיגע 2 סענאט וואלן מיט אן אומגעראכטענע גרויסע מאיאריטעט. ממילא ערווארט אים נאך א שטארקערער זיג איצט, ווען קיין שום ערנסטער רעפובליקאנער קאנדידאט האט זיך נישט געטרויט ארויסצושטעלן קעגן אים.

מ'גלויבט אז די שומער שטארקייט וועט אויך ארויסהעלפן פאר די אנדערע ניו יארקער סענאטאר קירסטין דזשיליבראנד, וועלכע איז באשטימט געווארן צו איר פאסטן דורך גאווערנאר פעטערסאן, ווען די פריערדיגע סענאטאר הילערי קלינטאן האט געמוזט פארלאזן דעם סענאט, ביים ווערן סעקרעטערי אוו סטעיט. די זעלבע וועט דאס אויך ארויסהעלפן פאר די אנדערע דעמאקראטישע קאנדידאטן וואס וועלן זיין אויפ'ן זעלבן טיקעט.

עס טרעפט זיך אמאל אז א פאליטישאן ווערט באשטימט צו א פאסטן אן דארפן דורכגיין די וואלן, אבער ניו יארק וועט איצט האבן 2 פאליטישאנס וואס זענען אין דעם צושטאנד, דזשיליבראנד וועלכע לויפט איצט צום ערשטן מאל פאר סענאטאר, און טאמאס דינאפאלי, וועלכער לויפט איצט פאר סטעיט קאנטראלער.

דינאפאלי איז געווען א סענאטאר פון לאנג איילאנד ווען עס האט זיך אנגעהויבן צו ווירבלען מיט סקאנדאלן ארום דעם דעמאלס'דיגן ניו יארק סטעיט קאנטראלער העלען העוועסי, 4 יאר צוריק. קיינער האט דאן נישט גע'חלומ'ט ווי אזוי עס וועט זיך אויסלאזן מיט העוועסי, אז א לאקאלע אויספארשונג פון א דיסטריקט אטוירני אין אלבאני, פון וועמען מ'האט נישט צופיל געהערט אפילו אין זיין אייגענע קאונטי, וועט דערגרייכן אלץ טיפער און אויפדעקן אלץ מער שמוץ און אפילו פארברעכענס, וואס אויב העוועסי וואלט באלד ביים אנהויב רעטייערט – די רעדע איז דאך געווען אז ער האט אויסגענוצט זיינע ארבייטער אדער זיין סטעיט קאר צו העלפן פאר זיין אלטע מאמע, וואס דאס האט אים געווינען געוויסע נאטורליכע סימפאטיע ביים אלגעמיינעם פאלק, אז דאס אליין "איז נישט אזוי געפערליך" – וואלט ער געקענט ברענגען צו אן ענדע אלע קרימינאלע אויספארשונגען. העוועסי האט זיך אבער גע'עקשנ'ט, ער איז ווייטער געלאפן און האט טאקע געווינען די וואלן, און די קרימינאלע אויספארשונגען זענען אויך ערנסטער געווארן, און מ'האט אין די ענדע געכאפט העוועסי ביי געוויסע פארברעכענס וואס האט אים געצווינגען נישט בלויז צו רעזיגנירן, נאר אויך פאראורטיילט צו ווערן צו פראבעישאן אלס א פעלאני פארברעכער! אזוי איז געקומען צו אן ענדע זיין פאליטישע קאריערע וואס האט זיך אנגעהויבן אלס אסעמבלימאן אין קווינס, שפעטער אלס שטאטישער קאנטראלער, און עווענטועלס אלס סטעיט קאנטראלער.

מ'האלט שוין איצט יארן שפעטער, און די קרימינאלע אויספארשונגען האט שוין געברענגט צו ערנסטע פעלאני קלאגעס קעגן העוועסי'ס הויפט פאליטישער ראטגעבער, וואס זיין פראצעס וועט זיך ערשט אנהויבן אין א האלב יאר פון איצט. דאס איז גאנץ ערנסטע קלאגעס, ווייל די באשולדיגונג איז, אז אזוי ווי דער סטעיט קאנטראלער איז דער איינציגער "באלעבאס" וואס פארוואלטעט אויף דעם ריזיגן סטעיט פענסיע פאנד, וויל דאך יעדער געניסן פון צוטריט צום קאנטראלער, אז ער זאל צואווארפן צו זיי עפעס אינוועסטמענט ביזנעס, ברענגט דאך דאס אויך א מעגליכקייט פון קארופציע, און דאס איז טאקע די הויפט באשולדיגונג, אז הענג שיינקאפ, דער פאליטישער ראטגעבער פון העוועסי, האט זייער שיין פארדינט פון ביזנעס אינטערעסן וועלכע האבן געוואלט באקומען און האבן טאקע באקומען בינזעס פונעם קאנטראלער'ס אפיס אונטער העוועסי.

דאס איז אבער א זייטן געשיכטע פון וואס מיר האבן אביסל ברייטער אויסגעשמועסט, ווייל עס ווייזט אויף די גרויסע אחריות וואס ליגט אויפ'ן סטעיט קאנטראלער, און ווען העוועסי האט געמוזט רעזיגנירן, האט יעדער געשאנקען גרויס אויפמערקזאמקייט ווער עס וועט ווערן דער נייער קאנטראלער. לויט'ן סטעיט געזעץ, האט דער נייער קאנטראלער געדארפט "ערוויילט" ווערן דורכ'ן ניו יארק סטעיט אסעמבלי. מ'האט ערווארט אז דער אסעמבלי וועט אויסקלויבן עפעס א גרויסן פינאנציעלן מומחה, אדער עמיצן וואס האט אן אויסטערלישע רעפוטאציע פאר ערליכקייט אין רעגירונג דינסט.

עס איז אפילו געווען א קאמיטע וואס זאל רעקאמענדירן קאנדידאטן, און גאווערנאר שפיצער, וועלכער איז דאן ערוויילט געווארן מיט א ריזיגע מערהייט אדאנק די פאפולאריטעט וואס ער האט זיך איינגעשאפן אין זיינע 8 יאר אלס אטוירני דזשענעראל, האט שטרענג פארלאנגט אז מ'זאל אויסקלויבן אן עקספערט, עמיצן וואס איז נישט א פאליטישאן, אבער אין אסעמבלי איז דער הויפט באלעבאס – מ'קען אפילו זאגן דער איינציגער באלעבאס – דער ספיקער, דער פארזיצער פונעם אסעמבלי, (אזוי ווי אין סענאט איז געווענליך דער מאיאריטעט פירער דער הויפט באלעבאס) אין דעם פאל שעלדאן סילווער, דער חרד'ישער אסעמבלימאן פון די איסט סייד, און סילווער האט זיך געהאט זיינע אייגענע חשבונות, און ער איז קיינמאל נישט נתפעל געווארן פון א גאווערנאר אדער כאטש וועלכן אנדערן פאליטישאן.

אויך איצט האט סילווער געוויזן אז ער איז א "הארטע ניס", ווען ער האט אויסגעקליבן אסעמבלימאן טאמאס דינאפאלי, און ווי ערווארט האבן די אסעמבלילייט באשטעטיגט די קאנדידאטור פון זייער קאלעגע, טראץ די שטורמישע פראטעסטן און סטראשונקעס פון גאווערנאר שפיצער, וועלכער האט זיך אפילו ארויסגעלאזט קאמפיינען קעגן די דעמאקראטישע אסעמבלילייט וואס האבן געשטימט פאר דינאפאלי, ארומפארענדיג אין עטליכע אזעלכע דיסטריקטן איבער די סטעיט.

ווען מ'טרעפט זיך מיט דינאפאלי, שאפט ער זאפארט אן אויסטערלישן גוטן איינדרוק פון א פריינטליכן, צוגענגליכן, קלוגן מענטש. סילווער האט געוואוסט אז ער האט געמאכט דעם ריכטיגן אויסוואל, ווייל די אסעמבלילייט וועלן אייניפאך נישט קענען שטימען קעגן אזא מענטש ווי דינאפאלי, אפילו אויב דער גאווערנאר וועט שטורעמען און פארפירן פארוואס מען פייפט אים אן, און סילווער איז געווען גערעכט מיט די אויסרעכענונג.

ווי יעדער געדענקט, האט גאווערנאר שפיצער געהאט זיין נידערלאגע בלויז איין יאר שפעטער, און היינט איז ער שוין א טייל פון די היסטאריע... דאקעגן דינאפאלי האט זיך אליין אויפגעבויט פאפולאריטעט איבער די סטעיט, און איצט לויפט ער פאר א פולן טערמין, אויף זיינע אייגענע אויפטועז, וואס ער איז שוין איבער 3 יאר סטעיט קאנטראלער.

עס זענען פאראן רעפובליקאנער פאליטישאנס אין ניו יארק, וועלכע רעדן זיך איין אז אפילו אויב זיי קענען נישט געווינען דעם גאווערנאר אמט, וועלן זיי האבן בעסערע אויסזיכטן ביי איינע פון די אנדערע 2 סטעיט אמטן (די סענאטארן, זענען פעדעראלע באאמטע), אזוי ווי אטוירני דזשענעראל – וואו עס לויפט נישט איצט קיין "אינקאמבענט", עמיצער וואס איז שוין אין אמט – אדער סטעיט קאנטראלער. ביי אטוירני דזשענעראל, האבן איצט די דעמאקראטן א העפטיגן פריימערי קאמפיין, איז נאך פריצייטיג צו געבן א גענויע אפשאצונג ווען מ'ווייסט נאכנישט ווער עס וועט זיין דער דעמאקראטישער קאנדידאט. ביי קאנטראלער איז אבער נישטא קיין פריימערי, וואס דאס ווייזט ווי די דעמאקראטן רעספעקטירן דינאפאלי, און די רעפובליקאנער וועלן נישט האבן אזא גרינג פעלד צו קאמפיינען קעגן דינאפאלי, ווי זיי וועלן זיך איבערצייגן אין די קומענדיגע מאנאטן.

*

**פראגע: איר זענט שוין דאס 4'טן יאר אין אמט אלס סטעיט קאנטראלער. וואס וואלט איר באצייכנט אלס אייער גרעסטן אויפטו, וואס האט אייך געברענגט די בעסטע באפרידיגונג?**

**ענטפער:** מיין גרעסטער אויפטו איז ווארשיינליך געווען צוריקצושטעלן די באגלויבטקייט ("קרעדיביליטי") אין דעם קאנטראלער אמט.

רוב מענטשן ווייסן אפילו נישט אז אזא אמט עקזיסטירט און וואס עס איז די אויפגאבע פונעם סטעיט קאנטראלער. אויב אבער עפעס טויג נישט, שאדט דאס פאר יעדן.

דער קאנטראלער איז דער "רואה חשבון" פון די סטעיט. ער דארף פארזיכערן אז דער סטעיט בודזשעט איז אין ארדענונג, דער קאנטראלער קאנטראלירט אויך די פינאנציעלעווירטשאפט פון די לאקאלע רעגירונגען איבער די סטעיט, אין קורצן, אלע סטעיט פינאנציעלע אנגעלעגענהייטן זענען אויסגעשטעלט צו א "קאנטראל" דורכ'ן סטעיט קאנטראלער.

אלס סטעיט קאנטראלער, איז מיר געלונגען איינצופירן היבשע פארבעסערונגען צו רעפארמירן א צעבראכענעם בודזשעט פראצעדור, און איך קוק ארויס מיט אינטערעסע, ווייטער צו גיין, פארצוזעצן די ארבעט אין די קומענדיגע 4 יאר.

איין זאך פון וואס מערערע מענטשן ווייסן יא, איז די ראלע פונעם קאנטראלער ביים פארוואלטן אויפ'ן סטעיט פענסיע פאנד. איך בין זייער צופרידן איבערצוגעבן, אז אין דעם סטעיט בודזשעט יאר וואס האט זיך געענדיגט ענדע מערץ, איז דער פאנד געשטיגן 26 פראצענט פון פאר א יאר. עס איז טאקע געווען א גוטער סטאק מארקעט, און דער סטעיט פאנד, טראץ די פארזיכטיגע אינוועסטמענט סטראטעגיע וואס מ'דארף אנהאלטן, האט זיך באטייליגט אין דעם גוטן יאר מיט גאנץ שיינע פארדינסטן, טראץ דעם קאנסערוואטיווען אינוועסטמענט צוגאנג וואס א פענסיע פאנד מוז אויספאלגן.

אלס "אפוטרופוס" פאר'ן פענסיע פאנד – וואס באשטייט פון 132 ביליאן דאלאר – פארשטיי איך אויך אז איך קען היבש אויפטאן צו פארבעסערן דאס לעבן פון די סטעיט איינוואוינער, לויט די אינוועסטמענטס וואס איך מאך מיט דעם פאנד. דאס זעלבע זוך איך אויך צו פארבעסערן די מענטשנרעכטן אינטערעסן, וו.צ.ב.ש., מיר קענען באיקאטירן ענערגיע סטאקס וועלכע שטיצן פיינטליכע רעזשימען וואס טויגן נישט. מיר קענען אויסנוצן אונזער אינוועסטמענט מאכט – איבערהויפט ווען מיר טוען עס אינאיינעם מיט אנדערע גרויסע פענסיע פאנד – צו לייגן א דרוק אויף פירמעס מיט וועמען זיי זאלן האנדלען.

איך וועל אנווייזן אלס איין ביישפיל אויף איראן, וועלכע איז באקאנט אלס האלאקאסט לייקענער און א געפאר פאר אלעמען. מיר האבן ארויסגענומען 86 מיליאן דאלאר אינוועסטמענטס פון 9 פירמעס וואס האבן נישט געוואלט אפשטעלן זייערע האנדלונגען מיט איראן און סודאן (אויך סודאן איז א גרויסע מענטשן רעכט פארלעצער און שטיצער פון טעראריזם) און מיר האבן איצט נאך 7 פירמעס אויף די "וואטש ליסטע" צו באשליסן וואס מיר וועלן טאן איבער זיי. אפילו ביי ביליאן דאלאר'דיגע פירמעס, איז זייער אומבא'טעמ'ט פאר זיי אויב גרויסע פענסיע פאנדס באיקאטירן זיי, און קיין שום אינוועסטמענט סומע ווערט נישט אוועקגעמאכט ווי בלויז "קליינגעלט".

**האלט איר אז עס איז רעכט אז דער סטעיט קאנטראלער זאל זיין דער איינציגער אפוטרופוס אויף אזא ריזיגן אינוועסטמענט אפאראט?**

עס איז פאראן א סאך מער קאנטראלן (טשעקס און באלאנסעס) ווי מענטשן ווייסן. דער קאנטראלער איז טאקע דער הויפט פאראנטווארטליכער פאר'ן גאנצן אפאראט, אבער עס איז נישט אינגאנצן אזוי, אז בלויז איין מענטש פאסט אלע באשלוסן, אן קיין שום אנדערע קאנטראלן.

פאקטיש איז אבער דאס די הויפט שטארקייט, אז דער סטעיט קאנטראלער – אן ערוויילטער באאמטער – איז דער הויפט אפוטרופוס אויפ'ן סטעיט פאנד. אזוי איז דא עמיצער וואס טראגט די פאראנטווארטליכקייט דערפאר. אין א סאך אנדערע סטעיטס, אויב עס שאפט זיך בודזשעט פראבלעמען, לייגט מען א האנט אויפ'ן פענסיע פאנד. דא קען דאס נישט זיין, ווייל דער קאנטראלער וועט עס נישט צולאזן.

די מענטשן קענען ערוויילן עמיצן אנדערש, אויב זיי זענען נישט צופרידן פון די ווירטשאפט וואס דער קאנטראלער האט צוגעשטעלט צו דעם פענסיע פאנד.

אויב אזא פאנד זאל אנגעפירט ווערן דורך פאליטיש-באשטימטע באאמטע, פארלירט מען דעם פעסטן דו"ח סיסטעם וואס מ'האט איצט אין ניו יארק סטעיט, וואו די מענטשן ווייסן צו וועמען מ'קען זיך ווענדן, אז דער סטעיט קאנטראלער איז דער איינציגער פאראנטווארטליכער פאר דעם גאנצן פענסיע פאנד סיסטעם.

דער פענסיע פאנד איז טאקע א מאכטפולע זאך. עס קען אויך אינוועסטירן אין ריעל עסטעיט. עס קען זייער פיל אויפטאן, און איך בין שטענדיג גרייט צו הערן רעקאמענדאציעס ווי

(פארזעצונג אויף זייט 29)